# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**4:26**
מוצאי שב"ק.....................**5:58**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................ישעיה כ'-כ"א
בבלי.......................מגילה כ"ז
ירושלמי...............קידושין ל"ה
תוספתא...........בבא בתרא ה'
רמב"ם......................חגיגה ג'


פרשת בא, ו' שבט, שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 19 (534)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַאֲכַלְתֶּם אֹתוֹ בְּחִפָּזוֹן פֶּסַח הוּא לַה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן דִי אִידְן זָאלְן עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין מִצְרַיִם מִיט יָאגֶענִישׁ. רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אַז דֶער קָרְבָּן וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט דֶעם נָאמֶען "פֶּסַח", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען פוּן אֵיין מִצְרִי צוּם צְוֵוייטְן, אוּן דֶער אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְדֶערְמִיט אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען טַאקֶע טוּן אַלֶע מִצְוֹת פוּן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אַזוֹי שְׁנֶעל אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג, אַלְס זֵכֶר צוּ דֶעם נָאמֶען "פֶּסַח". דָאס אִיז אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע זַאךְ וָואס מְ'זֶעט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אַז אַ מִצְוָה זָאל זַיין דַוְקָא גֶעאַיילְט אוּן יָאגֶעדִיג, פַארְוָואס פוּנְקְט דָא בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם אִיז דִי מִצְוָה גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם אוֹפָן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפ"ט), מְ'דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, פוּן צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג אוּן פוֹיל, וַוייל דֶער עִיקָר בִּיס פוּנֶעם שְׁלַאנְג אִיז עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, אַ בְּחִינָה פוּן (יְשַׁעְיָה ס"ה, כ"ה) "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת קוּמְט פוּן יְסוֹד הֶעָפָר אוּן מִיט דֶעם בַּייסְט אוּנְז דֶער שְׁלַאנְג.

**אִין אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג זִיךְ צוּ הַאלְטְן פְלִינְק אוּן פְרִישׁ, נִישְׁט זַיין פוֹיל אוּן אָפְּלֵייגְן זַאכְן צוּ טוּן שְׁפֶּעטֶער, דָאס אִיז סַיי בְּגַשְׁמִיוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיוּת, וַוייל דֶער וָואס אִיז פוֹיל בְּגַשְׁמִיוּת אִיז אוֹיךְ פוֹיל בְּרוּחָנִיוּת**, אַז עֶר שְׁטוּפְּט אַלְץ אָפּ זַיינֶע גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע פְלִיכְטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, טוּט עֶר דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בְּרוּחָנִיוּת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר שְׁטוּפְּט עֶס אַלְץ אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער אוּן אוֹיף מָארְגְן. רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תל"א) ווִי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער זָרִיז אֲפִילוּ בַּיי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, אַלְץ וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס צוּ עֶרְלֶעדִיגְן הָאט עֶר עֶס גֶעטוּן גְלַייךְ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְרִיזוּת, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בְּרוּחָנִיוּת, ווִי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעס גֶעטוּן מִיט גְרוֹיס זְרִיזוּת, סְפֶּעצִיעֶל בַּיים לֶערְנֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער זָרִיז, אִין דֶער צַייט וֶוען דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ שַׁחֲרִית, הָאט דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעלֶערְנְט פִיר דַפִּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים אוֹיפְ'ן דַף, ווִי דֶער טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם, בְּאֵר הַגּוֹלָה, פְּרִי חָדָשׁ, עֲטֶרֶת זְקֵנִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ גֶעלֶערְנְט שְׁנֶעל.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פוֹיל אִיז דִי סִיבָּה דֶערְצוּ וַוייל עֶר אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, עֶר אִיז אָנְגֶעזֶעצְט אוּן טְרוֹיעֶרִיג, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס אִיז בַּיי אִים פַארְשְׁלֶעפְּט אוּן אָן קַיין גֶעפִיל. וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, דַאן אִיז עֶר אִין אַ גוּטֶע מוּט, עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן מוּנְטֶער, אוּן דַאן טוּט עֶר אַלֶעס מִיט גֶעשְׁמַאק, שְׁנֶעל אוּן מִיט זְרִיזוּת.

עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל (פְּרִי עֵץ חַיִּים, שַׁעַר חַג הַפֶּסַח) אַז וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט פַארְפִירְן פוּנֶעם שְׁלַאנְג, עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת, הָאט דֶעמָאלְט דֶער שְׁלַאנְג אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גִיפְט, אוּן דִי אִידְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אִין מִצְרַיִם צוּ פַארְעֶכְטְן דֶעם פְּגַם, זִיךְ אוֹיסְצוּרֵיינִיגְן פוּן דֶעם בִּיס פוּנֶעם שְׁלַאנְג אוּן פוּן זַיין גִיפְט. אוּן דָאס זֶעט מֶען טַאקֶע וָואס פַּרְעֹה הָרָשָׁע הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ה', י"ז) "נִרְפִּים אַתֶּם נִרְפִּים", אוּן דֶער תַּרְגוּם טַייטְשְׁט "בַּטְלָנִין אַתּוּן בַּטְלָנִין", דָאס קוּמְט מְרַמֵז זַיין אַז דִי אִידְן דַארְפְן פַארְעֶכְטְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן פוֹילְקֵייט אוּן נָאכְגֶעלָאזְטְקֵייט.

דֶערְפַאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט מְתַקֵן זַיין דֶעם פְּגַם פוּנֶעם שְׁלַאנְג, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גְרוֹיס זְרִיזוּת אוּן פְרִישְׁקֵייט.

יֶעדֶער אִיד גֵייט דוּרְךְ זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת מִצְרַיִם, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט זַיינֶע אֵייגְנְאַרְטִיגֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן דוּרְכְפֶּעלֶער אִין לֶעבְּן, אוּן מִיר דַארְפְן טְרֶעפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, מִיר דַארְפְן טְרֶעפְן אַ צַדִיק וָואס קֶען אוּנְז אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער גָלוּת, קָרְבָה אֶל נַפְשִׁי גְּאָלָהּ, אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן דִי עַצְבוּת אוּן עַצְלוּת אִין וָואס מִיר לִיגְן, אוּן דַאן וֶועלְן מִיר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְלִינְק אוּן שְׁנֶעל – בְּחִפָּזוֹן. (תּוֹךְ הַנַּחַל בֹּא תשס"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט

ס'אִיז דָא אַזַא אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן נוּצְן אוֹיף אֵיינֶעם אַז "יֶענֶער הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט". דָאס נוּצְט מֶען גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף אַ בַּאקַאנְטֶער פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט וָואס אִיז גָאר שְׁטַארְק פָּאפּוּלֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אַסַאךְ נָאכְפָאלְגֶערְס. אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ זָאגְט זִיךְ אַן אוֹיסְדְרוּק אַז עֶר נֶעמְט אַיין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ פַאלְשֶׁער אוֹיסְדְרוּק. אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט. עֶס אַרְבֶּעט פַארְקֶערְט, דִי וֶועלְט נֶעמְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שַׁאנְס אַיינְצוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר גֵייט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, וָואס בְּלַייבְּט אָבֶּער אִיבֶּער צוּם סוֹף פוּן אַ מֶענְטְשׁ? דִי וֶועלְט נֶעמְט אִים אַרַיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט נָאר אַ בֶּערְגְל עֶרְד.

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זי"ע הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַ מָשָׁל. מֶען זֶעט ווִי אַ שׁוֹחֵט פִירְט אַן אָקְס צוּ דִי שְׁחִיטָה, דֶער אָקְס קֶען זִיךְ צְעווִילְדֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן אָנְהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען אִים גוּט אָנְכַאפְּן, צוּגֶעבִּינְדֶען צוּ אַן אַייזֶערְנֶעם קֵייט אָדֶער אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק. אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ דִי שְׁחִיטָה קֶען מֶען אַסַאךְ מָאל זֶען ווִי דֶער אָקְס נֶעמְט זִיךְ לוֹיפְן פָארְאוֹיס אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט דֶעם שׁוֹחֵט, אוּן עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער גֵייט עֶס פַארְקֶערְט, אַז דֶער אָקְס שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים גֵיין וַוייטֶער, אוּן דַאן דַארְף דֶער שׁוֹחֵט אִים שְׁלֶעפְּן מִיט כֹּחַ. אַזוֹי גֵייט עֶס אַהִין אוּן צוּרִיק, אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער שׁוֹחֵט דֶעם אָקְס, אוּן אַמָאל שְׁלֶעפְּט דֶער אָקְס דֶעם שׁוֹחֵט. דֶער וָואס קוּקְט דָאס צוּ פוּן דֶער זַייט, וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער עֶס


>>>>>>


## א גוט ווארט

זֶע זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אֵיידֶער שַׁבָּת קוּמְט אַרַיין; טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ. לָאז נִישְׁט דֶעם שָׂטָן הָאבְּן אַ פְּלַאץ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, טְרַייבּ אִים אַרוֹיס; אַז עֶס וֶועט זַיין שָׁלוֹם - וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּלַאץ. זַיין זַאךְ אִיז קְרִיגֶערַייעֶן; וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען קְרִיגְט זִיךְ, זֵיי טְרַייבְּן אַרוֹיס דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה; וואוֹיל אוּן גוּט אִיז דִי שְׁטוּבּ וָואס מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ. טוּ אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַייךְ; בֶּעט אִיבֶּער אוּן זָאג אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט.

שֶׁעלְטְן?! אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אַזַא זַאךְ בִּכְלַל, אַ אִיד שֶׁעלְט קְלָלוֹת? אוּן אוֹיף וֶועם - אוֹיף דִי וַוייבּ?! בַּאשֶׁעפֶּער אִין הִימְל, הִיט אָפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן דֶעם. (עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיְחִי תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק א אוֹת אֱמוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטִיקְל אִין שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ. דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן דִי מַעֲשֶׂה אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט עֶס דֶערְצֵיילְט; דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד מִיט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, עֶר פְלֶעגְט אָפְּדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע פוּנֶעם פָּרִיץ יֶעדֶעס יָאר, אָבֶּער דִי קְרֶעטְשְׁמֶע הָאט קוֹים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט עֶפֶּעס גֶעלְט, עֶס הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקְלֶעקְט אוֹיף זַיינֶע טָאג טֶעגְלִיךְ הוֹצָאוֹת, אוּן זִיכֶער אִיז נִישְׁט אַרַיינְגֶעקוּמֶען גֶענוּג צוּ קֶענֶען צָאלְן פַארְ'ן פָּרִיץ דִי רַאטֶע, עֶר פְלֶעגְט דַארְפְן בָּארְגְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען צָאלְן פַארְ'ן פָּרִיץ.

יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ צָאלְן דִי יֶערְלִיכֶע רַאטֶע, הָאט דֶער פָּרִיץ עֶס נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל פַארְדִינְגֶען פַאר אִים, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט צוּ צָאלְן גֶעהֶערִיג, דֶער פָּרִיץ הָאט גֶעוָואלְט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף דֶעם אָרֶעמַאן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע, וִויסְנְדִיג אַז דָאס לֶעבְּן פוּן דֶעם אָרֶעמַאן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אָנְגֶעוָואנְדְן אִין דֶעם, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן, הָאט עֶר עֶס וִוידֶער גֶעדַארְפְט פַארְדִינְגֶען פַאר דֶעם אָרֶעמַאן פַאר נָאךְ אַ יָאר.

אֵיין יָאר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע אוּן גְּבַר אַלִּים, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם פָּרִיץ אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גְרֵייט צוּ צָאלְן פַאר דִי קְרֶעטְשְׁמֶע פִיל מֶער גֶעלְט פוּן דֶעם אָרֶעמַאן, אוּן דֶער פָּרִיץ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוּן הָאט טַאקֶע פַארְדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע פַאר יֶענֶעם.

דִי אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רִשְׁעוּת, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר זַיין אַזוֹי אַכְזָרִיוּת'דִיג קֶעגְן דֶעם אָרֶעמַאן מִיט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, אוּן יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אִים צוּרִיקְצוּהַאלְטְן פוּן צוּ טוּן דֶעם רִשְׁעוּת'דִיגְן אַקְט, עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ קֵיינֶעם, אוּן יָא אָפְּגֶעדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע.

דֶער פָּרִיץ הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דֶעם אָרֶעמַאן אוֹיפְ'ן גַאס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הוֹיז וואו צוּ וואוֹינֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס צוּ פִיטֶערְן זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת.

פַאר דֶעם רָשָׁע וָואס הָאט אוֹיסְגֶעכַאפְּט דֶעם אָרֶעמַאן, הָאט דִי הַצְלָחָה אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁיינֶען, וִוי נָאר עֶר הָאט אָפְּגֶעדִינְגֶען דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אִיז עֶר זֵייעֶר רַייךְ גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער, אוּן פַאר מֶענְטְשְׁן אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע, פַארְוָואס זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַאר דֶעם רָשָׁע אַזַא גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה?

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה, "אַזוֹי פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי וֶועלְט".

מִיט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַיינְבַּאקְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה, נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מְ'זֶעט וִוי אַ רָשָׁע אִיז גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ, מֶענְטְשְׁן טוּעֶן שְׁרֶעקְלִיכֶע רִשְׁעוּת פַאר אַנְדֶערֶע אוּן מְ'זֶעט נִישְׁט זֵיי זָאלְן בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אוֹיף דֶעם, פַארְקֶערְט, עֶס גֵייט זֵיי נָאר בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, טָאר אָבֶּער וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אֱמוּנָה אֲפִילוּ מִיט אַ הָאר, מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אַז אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, אִיז אָבֶּער דֶער אֱמֶת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, אֲפִילוּ מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן עֶס נִישְׁט.

דוּרְךְ אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קַיין שוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס הָאט גֶענוֹיעֶם גוּטְן חֶשְׁבּוֹן פוּן הִימְל, אֲפִילוּ וֶוען פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן זֶעט עֶס אוֹיס מָאדְנֶע, אָבֶּער אַז מְ'לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּ אַ בְּחִינָה פוּן רָצוֹן, רַעֲוָא דְרַעֲוִין, אוּן זוֹכֶה זַיין מַשִּׂיג צוּ זַיין פַארְוָואס עֶס זֶענֶען דָא צַדִּיקִים וָואס גֵייט זֵיי שְׁלֶעכְט, אוּן פַאר רְשָׁעִים גֵייט גָאר גוּט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה').

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

שְׁלֶעפְּט בֶּאֱמֶת וֶועמֶען. שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, וֶוען דֶער שׁוֹחֵט שֶׁחְט דֶעם אָקְס, דַאן וֶוערְט מֶען גֶעווָאוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז דֶער שׁוֹחֵט אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם אָקְס.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיף דֶער וֶועלְט - הָאט דֶער צֶמַח צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִירְט. ווִילַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועם. אַמָאל קֶען אוֹיסְזֶען וִוי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁלֶעפְּט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער דֶער סוֹף פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ'ס יָארְן, וֶוען עֶס קוּמְט זַיין צַייט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, מֶען נֶעמְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין דֶער עֶרְד, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען גֶעווָאוֹיר וֶועט עֶס גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף וֶועמֶען. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל וֶוערְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט... וַוייל דִי וֶועלְט קֶען קֵיינֶער נִישְׁט אַיינְנֶעמֶען.

פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער קֵיינֶער קֶען יָא אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט...

דֶער וֶועלְט וֶוערְט גֶערוּפְן "עוֹלָם". דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע לָשׁוֹן פוּן "הַעֲלָמָה", וָואס דָאס מֵיינְט "בַּאהַאלְטְן". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נוּצְט דִי וֶועלְט אוֹיף צוּ שְׁפִּילְן "בַּאהַאלְטְן" מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט זֶעט מֶען אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן מִיט אַזוֹיפִיל פוּן זֵייעֶרֶע גְרוֹיסֶע אוֹיפְטוּעֶן, אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז מֶענְטְשְׁן פִירְן טַאקֶע דִי וֶועלְט. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּנְטֶער דִי וֶועלְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶר פִירְט יֶעדֶע רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דִי חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוען עֶר קֶען אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט, עֶר וֶוערְט גֶעווָאוֹיר דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז אַ קוּנְץ, אוּן אֵיינֶער וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי וֶועלְט. עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם "עוֹלָם". פַאר אִים קֶען מֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן בַּאהַאלְטְן. עֶר וֵוייסְט דֶעם אֱמֶת אַז אוּנְטֶער אַלֶע אַקְטִיוִויטֶעטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפִינְט זִיךְ אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס פוּן הוּנְטֶער דִי קוּלִיסְן.

וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען דֶערְצוּ? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן דוּרְכְ'ן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט דוּרְךְ אוֹיף אִים שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר בֶּעט זַיין הִילְף וֶוען עֶס גֵייט אִים שְׁוֶוער, אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אוֹיפְצוּאַנְטְוויקְלֶען פַארְ'ן מֶענְטְשׁ דֶעם אֱמֶת'ן פָּנִים פוּן דֶער וֶועלְט. עֶס שֵׁיילְט זִיךְ אָפּ דִי דְרוֹיסְנְדִיגֶע שִׁיכְט וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם מֶענְטְשׁ'ס אוֹיגְן, אוּן דַאן זֶעט עֶר מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וָואס עֶס לִיגְט פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים י, כ) "וּבוֹ תִדְבָּק" - עֶס אִיז אַ מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס מֵיינְט זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

לָאמִיר נֶעמֶען צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר אוּן עֶס צוּזַאמְקְלֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם מִיט שְׁטַארְקֶע קְלֶעבּ, וָואס וֶועט דַאן פַּאסִירְן? דִי צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ פַּאפִּיר וֶועט מֶען שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע. אֲפִילוּ וֶוען מֶען וֶועט זֵיי צֶערַייסְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְרַאפְט, וֶועט זִיךְ אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אֵיין שְׁטִיקְל מִיט דִי אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַארְף אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר וֶועט וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אוּן דַאן וֶועט מֶען זֵיי שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען צֶעטֵיילְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ יָא אָפְּרַייסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג מִיטְרַייסְן אַ שְׁטִיקְל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אִים... דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיךְ אָבֶּער אֵייבִּיג דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט וֶועט אִים אַרַיינְקוּמֶען אִין מַחְשָׁבָה אַז עֶס טוֹיג נִישְׁט אַזוֹי דֶער מַצָּב, עֶס אִיז צַייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר טַאקֶע אִינְגַאנְצְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (תְּהִלִּים קלט, ז) "פְּלִיאָה דַעַת מִמֶּנִּי נִשְׂגְּבָה לֹא אוּכַל לָהּ" - דָוִד הַמֶּלֶךְ וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוּן עֶר

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָנָה אֵלֵךְ מֵרוּחֶךָ וְאָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח" - וואו אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶען מֶען דֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ" - אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְפְלִיעֶן אִין הִימְל, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט. אַז דוּ וֶועסְט אַרָאפְּנִידֶערְן טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ דָארְט. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט שׁוֹין אַלְץ אָפְּגֶעטוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין גֶעפַאלְן. דַארְף עֶר אֵייבִּיג וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אִים. עֶר דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי זַיין לֶעבְן קוּקְט אוֹיס, אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בִּיז יֶעצְט, אוּן וואוּ אַהִין עֶר צִילְט אִין זַיין לֶעבְן, וואוּ עֶר וִויל אַלְס אָנְקוּמֶען. אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען וִוי זַיין לֶעבְן וֶועט זִיךְ דְרַאסְטִישׁ טוּישְׁן צוּם גוּטְן. עֶר וֶועט הָאבְן אַ לִיכְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ לֶעבְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י' עֶרֶךְ עוֹלָם וְחֵלֶק י"ד עֶרֶךְ דְבֵיקוּת)

<<<<<< נייעס

**ברכת המזון און מצוה טאנץ - אום 9:30** איז מען געגאנגען צום בענטשן. מיט ברכת המזון איז מכובד געווארן הגה"צ רבי יואל זוסמאן הורוויץ שליט"א, אב"ד תולדות צבי ספינקא בארא פארק, ברכה אחריתא האט מען מכבד געווען הגה"צ רבי אשר זעליג מיללער שליט"א, אב"ד ערבי נחל סטעטן איילענד. תיכף נאך ברכת המזון איז מען צוגעטרעטן צום הייליגן מנהג פון מצוה טאנץ, ווען דער שמש פון בית המדרש האט אויסגערופן די זיידעס און די מחותנים מיט'ן שוין גוט באקאנטן קורצן "יעמוד יעמוד" נוסח. אלע באטייליגטע האבן שטארק הנאה געהאט אז זיי דארפן נישט אויסווארטן די לאנגווייליגע הספדים צערעמאניעס וואס קומט בכלל נישט אריין ביי א חתונה אדער מצוה טאנץ.

מען האט אריינגעברענגט די ספעציעלע מחיצות צום מצוה טאנץ כנהוג בחצר קארלסבורג. צום ערשט האט מען אויסגערופן צום מצוה טאנץ דעם זיידן הרה"ח רבי אברהם חיים פארקאש שליט"א, דערנאך דעם זיידן הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א, דאן האט מען אויסגערופן דעם זיידן כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, דערנאך האט געטאנצן דער אבי החתן, מוה"ר יואל פארקאש שליט"א, און דאן האט מען מיטגעהאלטן די ריקודין פונעם ראש ישיבה שליט"א, דער אבי הכלה, און דערנאך די חתן כלה. נאך די חתונה האט מען געזונגען די ניגונים "אין כאלוקינו" און "לקח און ברוינפן" כמנהג ווייטצען.

אויף **10:30** איז שוין די גאנצע חתונה געווען פארטיג, און אויף **10:45** איז דער גאנצער בית המדרש שוין געווען אויפגערוימט און גרייט פאר'ן מארגנדיגן טאג פאר די בחורים צו קומען לערנען.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז די מחותנים זאלן זען נאר שמחה און אידיש נחת ווייטער, זוכה זיין אויפצושטעלן א ערליכע אידישע שטוב לתפארת אבותינו ורבותינו, און פון זיי זאל ארויסקומען ערליכע אידישע דורות וואס וועלן באלייכטן די וועלט.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים!**

***

## מוסדות היכל הקודש פושקע דרייוו

אין די יעצטיגע טעג קומט פאר די פושקע דרייוו פאר די הייליגע מוסדות, ווער עס האט א פולע פושקע זאל עס קומען אויסליידיגן, און ווער עס האט נאכנישט א פושקע, זאל עס אריינעמען אין שטוב, און זוכה זיין צו אלע ברכות און ישועות אין זכות פון שטיצן די הייליגע מוסדות.

אין א בריוו די וואך האט דער ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען איבער דעם, שרייבנדיג פאר אנשי שלומינו, "איך וויל דיר בעטן, אויב דו האסט אין שטוב א פושקע מיט צדקה געלט פון אונזער מוסד - זאלסטו מיר דאס ברענגען ווען דו קומסט צום שיעור, אדער ארייינשיקן מיט איינעם. אזוי אויך זאלסטו מיר ברענגען דיין פושקע פון דיין קאר און פון אפיס; איך האב פאר דיר פרישע פושקעס, סיי פאר שטוב, אפיס און קאר. ווייל איך בין יעצט אריינגעפאלן אין פרישע חובות, איך דארף יעדע פושקע, פרוטה ופרוטה מצטרפת".

סיי וואו מען וואוינט און מען וויל אויסליידיגן א פושקע אדער באקומען א פושקע, קען מען רופן 845-637-5367.

**פרוטה ופרוטה מצטרפת!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל זֶענֶען דָאךְ אָפְן, פַארְוָואס נִישְׁט מַאכְן טֵייעֶרֶע חֲתוּנוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן פוּן דִי בְּרִיוו אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אִיךְ וואוּנְדֶער מִיר, אוּן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר עֶס עֶרְקְלֶערְן וֶועל אִיךְ מִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אִיר שְׁטֶעלְט צוּ חֲתוּנוֹת פַאר מֶענְטְשְׁן אִין אֵייעֶר קְהִלָּה פַאר אוּמְזִיסְט. דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָשׁוּבֶע זַאךְ, אוּן עֶס וָואלְט גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיג וֶוען מֶען קֶען עֶס אַיינְפִירְן אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער. אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אָבֶּער אֵיין זַאךְ; מֶען זָאגְט אַז וֶוען מְ'מַאכְט חֲתוּנָה, עֶפֶענֶען זִיךְ דַאן דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל, אוּן מְ'זָאל נִישְׁט שְׁפָּארְן. אִיז וִוי שְׁטֶעלְט זִיךְ עֶס אָפּ? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ טֵייעֶרֶע חֲתוּנָה אוֹיבּ דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען סֵיי וִוי אָפְן? אִיךְ מֵיין אַייךְ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּצוּפְרֶעגְן, אַדְרַבָּה, אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶעוָואלְט נָאכְטוּן, אִיךְ בִּין נָאר פָּשׁוּט אַבִּיסְל צוּמִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט חוֹזֶק מַאכְן, אָדֶער דוּ בִּיסְט טַאקֶע צֶעמִישְׁט; קֶען זַיין דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט קַיין קִינְדֶער, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט בְּצַעֲרָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער בְּעֵת שִׂמְחָתָם... טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן צוּגְרוּנְד וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, מֶען גֵייט אַרַיין אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, בִּיז מֶען וֶוערְט פָּשׁוּט קְרַאנְק, עֶס טְרֶעט זֵיי צוּ צוּם גֶעזוּנְט.

אַ גַבַּאי צְדָקָה דֶערְצֵיילְט: אִיךְ נֶעם צוּזַאם גֶעלְט פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק, אִיךְ גֵיי אִין שׁוּלְן אוּן אוֹיךְ בַּיי שִׂמְחוֹת, פַּאסִירְט אַמָאל בַּיי אַ חֲתוּנָה, אִיךְ גֵיי צוּם מְחוּתָּן, אוּן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ אֵיידֶער אִיךְ בֶּעט דִי מְחוּתָּנִים גֶעלְט, מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אַז יֶענֶער אִיז טַאקֶע דֶער מְחוּתָּן, פְרֶעג אִיךְ דֶעם מְחוּתָּן: "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אִיר זֶענְט דֶער בַּעַל שִׂמְחָה דָא?" זָאגְט מִיר יֶענֶער: "דוּ זוּכְסְט דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה? קוּם אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן וֶוער עֶס אִיז דֶער בַּעַל שִׂמְחָה"; אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס דָא גֵייט פַּאסִירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מִן הַסְתָּם הָאבּ אִיךְ זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶוען. אִיךְ גֵיי מִיט אִים, עֶר טְרָאגְט מִיר אַרוֹיס פוּן זַאל, אַרַיין אִין אָפִיס, דָארְט זִיצְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם זַאל; עֶר וַוייזְט מִיר: "דָא הָאסְטוּ, עֶר אִיז דֶער בַּעַל שִׂמְחָה"; מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן זָאגְט עֶר מִיר: "דוּ זוּכְסְט דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה? אִיךְ בִּין דֶער בַּעַל חוֹב, אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער בַּעַל שִׂמְחָה; בֶּעט אִים צְדָקָה, עֶר הָאט הַיינְט נַאכְט גֶעמַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער"; דֶער גַבַּאי צְדָקָה זָאגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי זַייט אוּן גֶעוֵויינְט.

דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וָואס מַאכְן חֲתוּנָה פָּשׁוּט, מֶען מַאכְט דִי שִׂמְחוֹת אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אָדֶער אִין אַ אוּמְזִיסְטִיגֶע פְלַאץ, אָן קַיין רַעַשׁ, אָן קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דִי מְסוֹרָה אִיז; אַזוֹי וִוי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אִינְדֶערְהֵיים, מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אִין שׁוּל; דִי אַלֶע, אָדֶער זֶענֶען זֵיי עֲשִׁירִים - זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ בַּיים מַאכְן שִׂמְחוֹת, אָדֶער הַאלְטְן זֵיי נָאכְנִישְׁט בַּיי חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, אָדֶער זוּכְן זֵיי סְתַּם אַזוֹי חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב; אַנְדֶערְשׁ וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט חוֹזֶק גֶעמַאכְט.

עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט; אַז דִי הִימְל עֶפְנְט זִיךְ בַּיי אַ שִׂמְחָה אוּן עֶס קוּמְט שֶׁפַע מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען מֶעג אוֹיסְגֶעבְן גֶעלְט צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה, אוֹיסֶער דֶעם אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע אַחְרַיוּת, אַז דִי פְּשׁוּטֵי עַם וָואס הָאבְן נִישְׁט אוּן פַארְמָאגְן נִישְׁט - דַארְפְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אוּן מַאכְן זֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת אוֹיף דֶעם אוֹפָן, דִי קִינְדֶער ווִילְן דִי זֶעלְבֶּע שִׂמְחוֹת וִוי דִי חֲבֵרִים, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי גֶעלְטֶער הַאלְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן מַאכְן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

וֶוערְן עֶלְטֶער. דִי קִינְדֶער פַּאלְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ אָבֶּער זֵיי פַּאלְן, אוּן וֶוען מֶען מַאכְט שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען בָּארְגְן גֶעלְט, מֶען וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט בַּיי שְׂמְחוֹת פַאר נַארִישֶׁע נִישְׁטִיגֶע זַאכְן, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן גֶעבְּן פַאר דִי פָּארְפָאלְק זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בִּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה מַאכְט מֶען זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען קֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער. מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי שִׂמְחָה, מֶען מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "הַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה", דֶער וָואס אִיז מְחַנֵּךְ דִי זִין אוּן טֶעכְטֶער, "וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן", אוּן עֶר מַאכְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט, אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"ב)

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## סימן טוב ומזל טוב

**מיר וואונטשן א הארציגן ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די שמחה פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג**

## החתן נתנאל פארקאש שליט"א בן

## מו"ה יואל פארקאש שליט"א

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, אריינברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יעקב הלל פארקאש** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

החתן מו"ה **שמעון פארטוגאל** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**

בת מו"ה **אלי' קורץ** הי"ו

## זייט מתפלל!

## פאר ר' יצחק בן פייגלא

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# אנשי שלומינו פרייען זיך מיט די שמחה ביים ראש ישיבה שליט"א

דעם זונטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א געפירט זיין טאכטער אונטער די חופה עב"ג החתן מו"ה נתנאל שליט"א בן מוה"ר יואל פארקאש שליט"א, גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל, און אייניקל פון הרה"ח מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א, מחשובי אנשי שלומינו.

די קרובי המשפחה און פילע אנשי שלומינו זענען זיך צוזאמגעקומען צו די באשיידענע שמחה וואס איז פארגעקומען אין ישיבה, און ווי אלע שמחות אין די קהלה האט עס דאס מאל אויך נישט געקאסט קיין פרוטה פאר די מחותנים, דער בית המדרש איז געווען צוגעשטעלט אומזיסט, די מוזיק איז געווען א טעיפ פון א חתונה, די משפחות פון אנשי שלומינו האבן געקאכט און צוגעשטעלט דאס עסן, און עס האט ברוך ה' גארנישט געפעלט פון די חתונה, עס האט געהאט אן אמת'ע אידישע טעם, און עס איז געווען גאר פריילך און דערהויבן.

**קבלת פנים** - אום 5:00 זענען די זיידעס, די מחותנים, און חתן כלה אנגעקומען צום קבלת פנים, וואו מען האט געזינגען ווארעמע ניגוני התעוררות.

**חופה** - אום 6:00 איז מען געגאנגען צו די חופה, עס האט געהערשט א גרויסע התעוררות ביים חופה, מען האט געזינגען ווארימע ניגונים, און ווער עס האט געקוקט האט געקענט זען ווי יעדנ'ס ליפן האבן זיך געשאקלט, ווען דער ציבור האט אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אויסצובעטן אלעס גוטס.

דער טאטע פון ראש ישיבה שליט"א, כ"ק הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א, איז געווען דער מסדר קידושין. הגה"צ רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א אב"ד קלאסנא ודומ"ץ סאטמאר קליימער איז מכובד געווארן מיט כתובה ליינען, ברכה אחריתא האט געזאגט דעם ראש ישיבה'ס שווער הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א מוויטצען.

**סעודה** - דערנאך איז מען אריין אין בית המדרש וואו מען האט זיך געוואשן צו די סעודה, עס האט אונטערגעשפילט שיינע רואיגע חסידישע ניגונים, אן אפגעכאפטע טעיפ פון א "געהעריגע" חתונה. פאר די נאנטע משפחה איז געווען צוגעגרייט חלה, פיש, קוגל, און טשאלנט, מיט וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען.

**שמחת חתן וכלה** - אום 8:00 איז דער חתן אריינגעקומען אין זאל, וינועו אמות הסיפים, עס האט געקנאקט דער טעיפ "עוד ישמע בערי יהודה", פונקט אדער נאך שענער ווי עס וואלט געווען "לייוו מוזיק". דער עולם האט זיך ארויסגעלאזט אין רינגען, אזש די ווענט האבן מיטגעטאנצט, די פנימ'ער פון די באטייליגטע האבן געשטראלט פאר שמחה, און די געפילן פון שמחה האבן זיך איבערגעגאסן אין אלע ביינער אז מען האט געשפרינגען אין די לופטן.

דער ריזיגער עולם האט געהאלטן אין איין שטראמען צום בית המדרש וואס איז געווארן פילער און פילער, עס האבן זיך אנגעזען ביים שמחה געסט פון נאנט און פון ווייט. די טענץ האבן אנגעהאלטן פאר אומגעפער צוויי שעה, זיך מיטצופרייען מיט'ן חתן און מיט'ן מחותן דעם ראש ישיבה שליט"א וואס צענדליגער טויזנטער אידן איבער די גאנצע וועלט דערקוויקן זיך טאג טעגליך מיט די שיעורים בריוון און אזוי ווייטער, און ווערן אויפגעלעבט און באקומען א פרישע חיות צו דינען דעם אייבערשטן.

אויסער די זיידעס הרבנים הצדיקים שליט"א, האבן פילע רבנים און מורי צדק זיך באטייליגט ביי די שמחה, צווישן זיי (ע"פ סדר א"ב): הגה"צ רבי אנשיל שעהר שליט"א, אב"ד קלעסאן; הגה"צ רבי ברוך דוד ראטה שליט"א, אב"ד מראה יחזקאל; הגה"צ רבי געציל בערקאוויטש שליט"א, דומ"ץ קרית יואל; הגה"צ רבי דוד דוב מייזליש שליט"א, אב"ד וויטצען; הגה"צ רבי יוסף טייטלבוים שליט"א, אב"ד נעפלימין; הגה"צ רבי יחזקאל טייטלבוים שליט"א אב"ד קלאסנא ודומ"ץ סאטמאר קליימער; הגה"צ רבי יעקב שלמה מייזליש שליט"א, אב"ד לימינוב; הגה"צ רבי יעקב טייטלבוים שליט"א, אב"ד תולדות אברהם יצחק מאנסי; הגה"צ רבי מענדל שטיין שליט"א, אב"ד סאווראן; הגה"צ רבי משה מאסקאוויטש שליט"א, ראש ישיבת אור תורה דשאץ; הגה"צ רבי משה פריעדמאן שליט"א, דומ"ץ סאטמאר בארא פארק; הגה"צ רבי נחמן שיק שליט"א; הגה"צ רבי שלמה ישראל מייזליש שליט"א, אב"ד קאמינקא; און נאך פילע רבנים, דיינים און ראשי ישיבות.

<<<<<<


## די וועג ארויס

**שפירסט ווי ביסט געבליבן שטעקן אין לעבן, זעסט נישט די וועג ארויס, די וועג צו גיין ווייטער? הערט דעם רייכן שיעור**

## קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 73**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**